בחצרות סאטמאר

צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

*יום ב' | חיי שרה | י"ז חשון | תשע"ב | פסחים: ק"י:*

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר מרדכי יצחק בערגער הי"ו פון בארא פארק.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יואל ברי"ש וויינבערגער הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

❧•☙

ארום 12:30 איז דער רבי שליט"א אנגעקומען אויף א באזוך אין בנין התלמוד תורה לרגל דעם מעמד התחלת הגמרא פון די תלמידי כיתה ד', ווי עס האבן צו ערשט אפגעווארט די תלמידי הת"ת פון קינדערגארטן און האבן מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א.

דאן איז דער רבי שליט"א ערשינען אין זאל פון אולם עקשטיין ווי עס זענען צוזאמענגעקומען די תלמידי כיתות ד' און ה' און מקבל פנים געווען דעם רבי'ן שליט"א.

דערביי האט מיט קורצע ווערטער אויפגעטרעטן דער מנהל הר"ר יחיאל יצחק שפיטצער שליט"א וועלכער האט אין זיינע ווערטער ארויסגעברענגט די געוואלדיגע גרויסקייט איבער'ן זמן פון התחלת הגמרא און די זכי' וואס די קינדער לעבן מיט אז מען האט זוכה געווען אז מרן רבינו שליט"א איז פערזענליך געקומען באשיינען דעם דאזיגן מעמד.

דאן האבן די קינדער מיט א שטילקייט זיך צוגעהערט צו די דברות קודש פון רבי'ן זאל זיין געזונט ווי דער רבי שליט"א האט ארויסגעברענגט אז אצינד הויבט מען אהן צו ענדיגן ש"ס... דערביי האט דער רבי שליט"א ערוועהנט אז גמרא איז נוטריקון ג'בריאל מ'יכאל ר'פאל א'וריאל – אז דער וואס לערנט גמרא באגלייטן אים די 4 מלאכים און היטן אפ פון אלעם שלעכטס. לסיום דבריו האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו פאר די קינדער אז זיי זאלן זוכהצו שטייגן לתורה ועבודה און יר"ש.

נאך די דברות קודש האט דער רבי שליט"א געוואנטשן לחיים און דערנאך פארטיילט לקח.

❧•☙

## קיצור תוכן דברות קודש

ביים שלחן הטהור פארגאנגענעם ליל שב"ק ביי די תורה האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק וירא אליו ה' באלוני ממרא און געטייטשט בדרך דרוש אין די סוגיא פון חצי שיעור.

ביי די דברות קודש ביי שלש סעודות האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק ואקחה פת לחם וסעדו לבכם און אויסגעטייטשט בדרך מוסר און מעורר געווען אויף לימוד התורה ובפרט פארטאגס פארן דאווענען.

ביים שמחת הווארט וקריאת התנאים אום מוצאי שב"ק העעל"ט האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק ואקחה פת לחם וסעדו לבכם און אויסגעטייטשט בדרך אגדה אין די ענין פון ישא אשה ואח"כ ילמוד תורה בטהרה.

## מו"ץ העדה החרדית גיבט שיעור בהיכל מבצר הכוללים קרית יואל

פארגאנגענעם דאנערשטאג נאכמיטאג העעל"ט האט הרה"ג ר' שמעון יצחק שלעזינגער שליט"א מו"ץ בד"ץ העדה החרדית פון עיה"ק ירושלים פאהרגעלערנט א שיעור פאר די אברכי כולל לצעירים שע"י מבצר הכוללים קרית יואל.

## מסיבה להחזקת כוללינו ד'סאטמאר אנטווערפען יצ"ו אין לאנדאן

אי"ה דעם קומענדיגען דארנערשטאג הבעל"ט וועט אין עיה"ב לאנדאן פאהרקומען דער יערליכער מסיבה להחזקת כוללינו המפוארה פון אנטווערפן יצ"ו, ווי אנ"ש תושבי לאנדאן וועלן זיך ווארעם משתתף זיין מחזק צו זיין אט דעם מקום תורה אינערהאלב קהלתינו המעטירה אין אנטווערפן.

## הכנות צום גרויסארטיגן מעמד הכנסת ס"ת שע"י קהילתינו הק' אין וויליאמסבורג

נעכטן זונטאג פארנאכטס איז פארגעקומען א גרויסארטיגער אסיפת עסקנים בבית מדרשינו הג' אין וויליאמסבורג אין ליכט פון דעם גרויסארטיגן מעמד הכנסת ספר תורה וואס ווערט אריינגעגעבן דורך קהילתינו הק' אין וויליאמסבורג לעילוי נשמתו הטהורה פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, קומענדיגן מוצש"ק פ' תולדות הבעל"ט.

ביי די אסיפה האבן זיך באטייליגט די ראשי הקהילה אינאיינעם מיט די חברי ועד כתיבת ספר תורה און נאך פילצאליגע עסקנים, וואו עס זענען אויסגעארבעט געווארן די פלענער פון דעם מעמד הכנסת ספר תורה וואס וועט ארויסגיין פון ביתו נאוה קודש פון רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג און וועט געפירט ווערן צום ביהמ"ד הגדול.

אויך איז באשטימט געווארן אז אי"ה דעם דאנערשטאג פ' חיי שרה וועט פארקומען דער מעמד "כתיבת האותיות" אין שטוב פון הגה"צ אב"ד ור"מ דקהילתינו הק' אין וויליאמסבורג, וואו עס וועט געגעבן ווערן די געלעגנהייט פאר אלע חברי הקהילה אריינצושרייבן אן אות אין דעם נייעם ספר תורה.

אין די יעצטיגע טעג זענען די חברי ועד כתיבת ספר תורה טעטיג אויפצוטרייבן גרעסערע סכומים צו קענען פארענדיגן די ספר תורה המהודרת, אנשי

שלומינו וועלכע ווילן נאך אפקויפן זכותים מסוימים אין די ספר תורה קענען זיך מעלדן צו הרה"ח ר' דוד שמעון פראמאוויטש הי"ו גבאי ביהמ"ד הגדול, אדער צו הרה"ח ר' שלום אליעזר פראנקעל גזבר הקהילה.

***-ועתה כתבו לכם את השירה הזאת-***

დ•ଔ

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:

BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.